# די קאַץ און דער וווּרשט

מיט אַ יאָמער זיך די קאַץ אַרומגעטראָגן:
„מיאַו! מיאַו! מיאַו! די באַלבאָסטע מיך פֿאַרגעסן
און די דינסטמויד מיך געשלאָגן!
איך בין הונגעריק, און עסן וויל איך, עסן!
און פֿאַר וועמען וויינען? און פֿאַר וועמען קלאָגן?
מיאַ, איך לאָז זיך אויס פֿאַר הונגער און פֿאַר דורשט!"
קומט אַקעגן איר דער בײַכיקער, מיט פֿלייש געשטאָפּטער וווּרשט
און ער נעמט דער קאַץ זיך זאָגן מוסר
(אַז ניט העלפֿן, כאָטש אַ וואָרט איר זאָגן מוז ער).
„פֿע! סע פּאַסט ניט", זאָגט ער, „פֿאַר אַ קאַץ צו וויינען! ניין,
סע פּאַסט ניט!
הונגעריק? איז וואָס? און אַז אַ טאָג מע פֿרעסט ניט,
איז סכּנות? בעסער אַז מע עסט ניט!
ווער סע הונגערט, דער אין גאָט פֿאַרגעסט ניט!
ווּ איז תּשובֿה, אַז מע פֿאַסט ניט?
דאָס אַ תּכלית דען: מיט פֿלייש דאָס בײַכעלע צו שטאָפּן?
זאַלץ און וואַסער, און אַ שטיינדעלע צוקאָפּן!"
„מ... יאָ, נו", זאָגט די קאַץ, „אינדעסן
קומט דאָס ניט צו עסן...
דו גערעדט, איך שוין פֿאַרגעסן...
איך געדענק נאָר וואָס איך לייג אין בויך... אַזוי איך...
וואָס? אומשטיינס־געזאָגט אַ קאַץ... אַ מוח..."
וויל דער וווּרשט אַנטלויפֿן, כאַפּט זי מיט די ציין אים —
שלינגט די תּורה אײַן מיט אים אינאיינעם.
אײַנגעשלונגען, אָנגעשטאָפּט מיט תּורה און מיט וווּרשט דעם מאָגן —
צו די מײַז אַוועק די קאַץ, זיי מוסר זאָגן.